# ניתנה תורה למלאכי"ם

## א בליק פון די תר"צ יארן אין די וויליאמסבורגער מלאכי"ם

(פארזעצונג פון זייט 15)

איבער'ן גאַנצען גוף. דעם טלית-קטן האָב איך גלייך דערקענט, ס'איז פון יענער גאַטונג וואָס די וויליאַמסבורגער בחורים טראָגען.

דער "מלאך" איז אַ איד, אַ זקן, אודאי אין די הויכע אַכציגער, אַ הויכער, אַ ברייטביינערדיגער, מיט אַ פראַכטפולער ווייסער באָרד, אַ ווייסען קאָפּ האָר און גרויסע בלוי-גרינע אויגען.

איז ער געזעסען אויפ'ן בעט און גערעדט. רעדען רעדט ער קלוג, ער איז אָבער מבטל כמעט אַלעמען (זלמן שרייבער: אַלע א.ג. "אידישע" פערזענליכקייטן).

דער "מלאך" איז אַ מיוחס, ער איז אַן איליער, אַ לאַנדסמאַן פון ר' מנשה איליער. פון ר' מנשה'ן האַלט ער דוקא.

ווען, ווען, וואָס פאַר אַ פנים עס האָבען ביי איהם די "הרב הגאונ'ס" פון דער איצטיגער צייט. שטויב און אַש זיינען זיי ביי איהם. נאָר וועגען איין ר' חיים בריסקער האָט ער גערעדט מיט רעספעקט, ווי וועגען "זיינס גלייכען", און ער האָט מיר דערצעהלט אַז נאָך דער באַריהמטער פרומער אסיפה אין קאַטאָוויץ (פון אגודת ישראל), וואו ר' חיים איז געווען דער פיהרער, האָט איהם ר' חיים געזאָגט, אַז כמעט אַלע רבנים (די פרימסטע, די פון אגודת ישראל) זיינען גענייגט צו רעפאָרמען. ר' חיים האָט געוויינט און געזאָגט אַז נאָר עטליכע געצעהלטע, האָבען געהאַלטען מיט איהם קעגען יעדען סאָרט רעפאָרם.

דער "מלאך" האָט דאָס ניט געזאָגט, נאָר איך האָב געזעהן אַז ער האַלט אַז פון די פיר און אַ האַלב מיליאָן אידען אין אַמעריקע זיינען די איינציגסטע פרומע אידען: ער און די עטליכע בחורים פון וויליאַמסבורג, און אפשר נאָך עטליכע פון זיינע אָנהענגער.

ווען איך האָב דערמאַנט די וויליאַמסבורגער בחורים, האָט ער געזאָגט:

"איך געה ניט צו זיי. איך טו ניט קיינעם אויפזוכען. זיי קומען צו מיר."

ער איז געווען צו מיר זעהר גאַסטפריינטליך, און עס איז אַ גליק וואָס ער איז אַ ליטוואַק. וואָלט ער געווען אַ פאַדאָליער, אָדער אַ פוילישער, ווער ווייסט וואָס פאַר אַ באַוועגונג ער וואָלט געקענט שאַפען, אפשר אַזאַ איינע ווי עס איז אַמאָל אַרויסגעקומען פון פאַדאָליע, פוילען. ליטוואַקעס האָבען ניט געשאַפען קיין געפערליכע באַוועגונג ביי אידען. (זלמן שרייבער: אויך אַן עם הארצות פונעם שרייבער, וועלכער האָט הפנים פאַרגעסן פון די גרויסע קאַרלינער, סלאָנימער און לעכוויטישער "באַוועגונגען").

אָהן ספק, דער "מלאך" איז אַ רבי פון חסידים, אָבער ניט פון דעם מין פוילישע, גאַליצאַנער, אוקראַאינישע. ער איז אויך ניט קיין "איניקעל". ער איז דער ערשטער ליטווישער סאָרט רבי אין אַמעריקע, און אָהן "זיידעס", אָהן אַ "גזע".

און ס'איז מאָדנע, אַז דוקא אין אַמעריקע איז דאָ אַזאַ סאָרט איד. ווער ווייסט ציט עס איז דאָ אַזאַ איינער איצט אין די היימישע לענדער. אויך דער נאָמען "מלאך" איז שוין אַ יאָהר הונדערט און פופציג ניטאָ ביי אידען. דעם מעזריטשער מגיד'ס זון, ר' ישראלטשע ריזשענער'ס זיידע, איז געווען באַוואוסט מיט דעם נאמען "מלאך". נאָך איהם, הונדערט און פופציג יאָהר, איז ווידער דאָ איינער אין ניו יאָרק מיט דעם נאָמען-צונאָמען "מלאך".

## זיינוועליסטן און דער גר צדק

("מאָרגען דזשורנאל" ווינטער 1936)

**אַ גרופע אַמעריקאַנער יונגע בחורים אַרויסגעוואָרפען פון דער פרימסטער ישיבה אין אַמעריקע, ווייל זיי זיינען צו פרום**

**מערקווירדיגע איינצעלהייטען וועגען דעם לעבען פון אַ גרופע אַמעריקאַנער האַי-סקול און קאַלעדזש יונגעלייט, וואָס טראָגען בערד און פאות, חסידישע קאַפאַטעס און לערנען אַ גאַנצען טאָג – אַ גה, אַ גלח'ס אַ זון, אַליין אַן אינזשיניר, האָט זיך גע'גט פון זיין קריסטליכער פרוי און לערענט איצט אין אַ ישיבה**

אַז אין ניו יאָרק זיינען דאָ הונדערטער און אפשר טויזענטער יונגעלייט, הי-געבאָרענע, וואָס פיהרען אַ שטרענג אָרטאָדאָקסיש לעבען, איז קיין נייעס ניט. אָבער אַז עס זאָלען דאָ זיין אַזעלכע פרומע יונגעלייט וואָס מען זאָל אויסשליסען פון אַ ישיבה ווייל זיי זיינען שוין צו פרום, דאָס איז שוין ביז גאָר טשיקאַווע.

און דאָך איז דאָ פאַראַן אַזאַ גרופע, און נאָך טשיקאַווער איז, וואָס אין דער גרופע געפינט זיך אַן אַמעריקאַנער גה, דער זוהן פון אַ קאַטוילישן גלח אין דער סאַוט, וועלכער איז געוואָרען אַזאַ פרומער איד אַז נאָר די שטרענגע פרומקייט פון דער דערמאַנטער גרופע יונגעלייט קען איהם צופרידענשטעלען, און ער לעבט און לערנט מיט זיי.

די דאָזיגע גרופע, ווי געזאָגט, באַשטעהט פון הי-געבאָרענע, אָבער זיי פירען זיך אַזוי ווי אַמאָל די פרומע יונגעלייט אין אייער אַלטען גאַליצישען אָדער אונגאַרישען שטעטעל. זיי ריכטען אָפּ חצות, געהען מיט לאַנגע פאות און לאַנגע קאַפּאָטעס, כאָטש אַ סאַך פון זיי זיינען אויסגעשטודירטע פון האַי-סקולס און קאַלעדזשעס.

די דאָזיגע יונגעלייט האָבען דאָ געמאַכט פאַר זיך אַ געטאָ, וועלכע געפינט זיך אין וויליאַמסבורג און ס'איז נישט אַזוי לייכט צוצוקומען צו זיי, ווייל צו אַ פרעמדען מענטשן באַציהען זיי זיך מיט אַ פאַרדאַכט, איבערהויפּט זינט מען האָט זיי אַרויסגעוואָרפען פון דער ישיבה. און ווען נישט אַ גליקליכער צופאַל וואָס האָט מיך צוזאַמענגעבראַכט מיט אַ וויליאַמסבורגער אינטעליגענטען יונגענמאַן, וועלכער איז באַקאַנט מיט די מערקווירדיגער חברה, וואָלט איך זיך אפשר קיינמאָל ניט דערוואוסט פון זיי און דעם אַרטיקעל קיינמאָל נישט באַשריבען.

דאָס ערשטע וואָס דער יונגערמאַן האָט מיך געבעטען, איז געווען אַז איך זאָל מיט איהם צוגעהן צום "פוילישען שטיבעל" וועלכע געפינט זיך אויף דיוויזשאַן עווענױ, און דאָרטען וועל איך טרעפען די אַמעריקאַנער בחורים.

ווען כ'בין אַריינגעקומען אין "שטיבעל" אַריין, האָב איך דאָרט געפונען צוויי יונגע בחורים, וואָס זיינען געזעסען ביי אַ גרויסען, מאַסיווען טיש און זיך געשאָקעלט איבער אַ גרויסער גמרא. נאָך איינער איז געווען אויפ'ן ראָאָף (דאַך - זלמן שרייבער) און זיך געשאָקעלט איבער אַ גמרא וואָס איז געלעגען אויף אַ לייטער. פון צייט צו צייט האָט ער זיך זיך אויפגעהערט צו שאָקלען און פאַרוואָרפען מיט'ן קאָפּ און פאַרמאַכט די אויגען.

זייער קליידונג איז גאָר מאָדנע. פון אונטער די שוואַרצע ברייטע רבנישע קאַפעליושען האָבען אַרויסגעקוקט סאַמעטענע יאַרמולקעס און אָפּגעגאָלטע קעפּ און לאַנגע פיאות. העמדער, נאַטירליך, טראָגען זיי, אָבער קיין אָנצייכעניש פון אַ קאָלנער וועט איר נישט זען. פון אַ קראַוואַט איז דאָך אָפּגערעדט. פון אונטער זייערע לאַנגע קאַפּאָטעס זעהען זיך אַרויס גרויסע, ברייטע טלית-קטנ'ס מיט לאַנגע כפול שמונהדיגע ציצית וואָס גרייכען ביז צו די קנעכלאַך.

דער רבי פון דער חברה איז איינער אַ בחור זיינוועל (ר' זאנוויל גערטנער ע"ה). ער איז דער איינציגסטער פון זיי וואָס איז נישט געבוירען אין אַמעריקע ער איז גאָר אַ מערקווירדיגער טיפּ. געקומען איזער אין אַמעריקע פון אונגאַרן, אַ אינגעל פון 14-15 יאָהר, און ער איז באַלד געוואָרען אַ תלמיד פון דער ישיבה תורה ודעת. אָפּזייענדיג אַ קורצע צייט אין דער ישיבה, האָט ער אָנגעפאַנגען צו פאַרשפּרייטען זיין אונגאַרישע פרומקייט צווישן די יונגיטשקע אַמעריקאַנער באָיס.

ווען ער האָט דערזעהן ווי די קליינינקע ישיבה תלמידים שפּילען באָל, פלעגט ער זיך אויס'טענה'ען מיט זיי: ס'טייטש, איז עס ריכטיג איבערצולאָזן גאָט'ס וואָרט, די הייליגע תורה, און אַרויסגעהן שפּילען דעם נאַרישען באָל? צי איז דען נישט הונדערט פּראָצענט אינטערעסאַנטער צו לערנען אביי ורבא, איידער זיך אָפּגעבן מיט אַזעלכע שטותים? און איבערהויפּט איז עס נאָך אומפאַרשטענדליך מ'זאָל נעמען און אַוועקוואַרפען דאָס אייביגע לעבען פון יענער וועלט צוליב צייטווייליגע פאַרגעניגענס.

אַזוי האָט זיינוועל זיך דורכגערעדט מיט די אַמעריקאַנער יונגיטשקע ישיבה "ספּאָרטסלייט", און אויב ס'האָט נישט געהאָלפען און די אינגלעך האָבען ווייטער געשפּילט באָל, פלעגט זיך זיינוועל ממש פאַר זיי צעוויינען, און מיט אַ בעטענדער שטימע האָט ער זיי געבעטען אויפהערען צו שפּילען און צוריקגעהן לערנען. פאַר יעדער מינוט וואָס זיי זיינען מבטל פון לערנען די הייליגע תורה וועט מען דאָך ברענען און בראָטן, און פאַרשטעהט זיך אַז עס זיינען געווען קינדער אויף וועלכע זיינוועל'ס רייד און געמיט האָבען געווירקט.

אָט אויף אַזאַ שטייגער האָבען זיך אַרום זיינוועלן צוזאַמענגעקליבען אַרום אַ 10-12 יונגע אַמעריקאַנער קינדער און זיינוועל איז געוואָרען זייער גייסטיגער פיהרער. יעדען טאָג לערנט ער מיט זיי מוסר וואו עס ווערט געשילדערט די פאַרשידענע יסורים וואָס דער רשע וועט זיך אָנליידען אין גיהנום. פון צייט צו צייט כאַפּט זיינוועל אויך אַ "שפּאַציר" מיט זיינע תלמידים אין דעם גאָרטען פון קבלה. ער לערנט זיי אַז וועלטליכע חכמות און די פאַרשידענע וויסענשאַפטען זיינען ניט מער ווי גאַלע נאַרישקייטן. די סקולס זיינען אָנגעזאַפּט מיט טומאה. ער וואָרענט זיי חלילה נישט צו געהן אין די "מאָוויס", נישט צו רעדען מיט קיין פרויען.

אָט אַזוי לערנט זיינוועל מיט זיינע תלמידים טאָג נאָך טאָג, און זיינע ווערטער האָבען אַ ווירקונג אויף זיינע יונגע צוהערער. זיי שפּילען שוין מעהר נישט באָל, זיצען נישט גלאַט אין דער וועלט אַריין אויף פרישע לופט, די עלטערן פון די קינדער לויפען צו זיינוועלן, בעטען איהם ער זאָל זיך אָפּטשעפּען פון די קינדער, אָבער זיינוועל הערט נישט, די הייליגע אַרבייט מוז געטאָן ווערען.

לערנען תורה איז ביי איהם דער עיקר, און אַלץ אַנדערעס איז נאַרישקייטן. אפילו עסען, שלאָפען איז אויך נישט מעהר ווי נאַרישקייטען ביי איהם. אַ איד מיט שכל דאַרף וויסען ווי אַזוי צו עסען, אָדער שלאָפען, און זיינוועל פיהרט זיך אַזוי:

ער רוקט צוזאַמען צוויי בענק, לעגט אונטער צוקאָפּענס עפּעס אַן אַלטען מאַנטעל, און דעקט זיך צו מיט אַלטע שמאַטעס און שלאָפט. אמת טאַקע, ביי דעם ענין פון שלאָפען האָט זיינוועל אויסצושטעהן גרויסע צרות. ער איז געוואָרען קראַנק, ביז ס'איז געקומען אַ דאָקטאָר און האָט אונטערזוכט דעם פרומען חולה און פעסטגעשטעלט אַז... זיינוועל דאַרף שלאָפן אין אַ בעט. זיינוועל האָט זיך פון אָנפאַנג געקווענקעלט און נישט געוואָלט שלאָפען אויף אַ בעט, האָבן אָבער די פרומע ווייבער פון דער ישיבה-אקזילערי איהם פאַרשוואָרען. נישט האָבענדיג קיין ברירה האָט זיינוועל געמוזט אויפגעבען די בענק און זיך לעגען אין בעט אַריין, אָבער בסוד דערציילט מען אַז זיינוועל האָט זיך אַן עצה געגעבען, דהיינו: ער מוז טאַקע שלאָפען אין אַ בעט, אבער ווער קען אים שטערען אונטערצולעגען אַנשטאָט אַ מאַטראַץ – ברעטער?

און טאָמער וועט איהר מיינען אַז אויף די בענק צי אויף די ברעטער וועט זיינוועל אויסשלאָפען אַ גאַנצע נאַכט, האָט איהר אַ טעות: ווען דער זייגער שלאָגט צוועלף שפּרינגט ער אויף ווי אַ לייב, וואַשט זיך די הענט, זעצט זיך אויף דער בלויזער ערד און ריכט אָפּ חצות. דערנאָך לייגט ער זיך צוריק שלאָפען, אָבער ניט חלילה אויף לאַנג. ווי נאָר די ערשטע ליכט-שטראַלען באַווייזען זיך, לויפט שוין זיינוועל אין מקוה אַריין, דערנאָך זאָגט ער פאַרשידענע תפלות און תהלים, אַזוי גרייט ער זיך צום דאַווענען. און פון דעם דאַווענען אַליין קען מען פאַרשטעהן וואָס זיינוועל איז. ער דאַווענט מיט אַזאַ ברען, מיט אַזאַ פייער אַז דער גרעסטער סטרעליסקער חסיד מעג ביי אים די פעטשערעס הייצען.

אָבגעפאַרטיגט מיט דעם דאַווענען, געהט זיינוועל אין דער ישיבה-קיך עסען. אבער זיינוועל עסט ניט, ער פאַרזוכט נאָר פון אַלץ, און גענוג. אַבי זיך דאָס לעבען דערהאַלטען, צו קענען ווייטער דינען דעם רבונו של עולם.

אָבגעדאַוונט, אָבגעגעסען, לאָזט זיך זיינוועלע אַרויס קלייבען געלד. ביי די קליינע קינדער נעמט ער פעניס, פון די וואָס האָבען געקראָגען פון די עלטערן זיך צו קויפן אַ נאַש. ביי די גרעסערע ישיבה-בחורים נעמט ער נאָר ניקעלס און ביי די באַלעבאַטים נעמט ער נאָר דאַימס; אַזאַ טאַקסע האָט ער, און טוט אים עפּעס. אָבער דענקט ניט אַז פאַר זיך נעמט זיינוועל דאָס געלט, חס וחלילה! זיינוועל דאַרף קיין געלט נישט. דאָס געלד שיקט ער קיין יוראָפּ פאַר אָרימע לייט, פאַר אָרימע ישיבה בחורים און פאַר חסידישע רביים. אויך אַלטע קליידער שיקט זיינוועל קיין יוראָפּ. איבערהויפּט איז זיינוועל אַ ווייכהאַרציגער מענטש, יעדער אידישער קרעכץ רייסט ביי איהם אַרויס אַ טרער. ער איז גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר'ן מינדעסטן איד, אַ חוץ – פאַרשטעהט זיך – פאַר אַן אפּיקורס, צו איהם האָט ער נאָר מיטלייד און רחמנות פאַרוואָס ער האָט קיין פאַרשטאַנד ניט און זעהט נישט די וויכטיגקייט און די גרויסקייט פון מצוות ומעשים טובים.

און טאַקע, זיין גוטהאַרציגקייט און זיין פריינדליכע רעדע-אַרט האָט געהאַט אַזאַ גרויסען איינפלוס אויף די ישיבה קינדער, נישט נאָר אויף די קלענערע קינדער, נאָר אפילו אויף די גרעסערע בחורים. עטליכע וואָס זיינען אַ סאַך עלטער פון איהם אַליין, האָבען זיך געלאָזט באַאיינפלוסען פון איהם און אָנגעהויבען גיין אין זיינע וועגען.

אָט נעמט, למשל, איינעם פון זיינע תלמידים – אבא'ן, ער איז געוואָרען אַזאַ פרומאַק אַז זיינוועל אַליין איז אַ נול קעגען איהם.

אבא איז אַ געבאָרענער ניו יאָרקער, איז געגאַנגען אין די היגע סקולס, געווען אַ באָי גלייך ווי אַלע באָיס, געשפּילט באָל, פאַרקאָכט אין ספּאָרטס, געליינט די "קאָמיקס" אד"ג. אָבער זינט ער איז געוואָרען זיינוועל'ס אַ תלמיד איז ער אינגאַנצען איבערגעאַנדערשט געוואָרען, זיין פרומקייט האָט קיין גרעניץ נישט.

אָט דאָס זיבעצעהן-יעהריגע אינגעל איז שוין צוויי יאָר נישט געשלאָפען אין אַ בעט. און מעהר ווי פינף שטונדען דורך דער נאַכט שלאָפט ער נישט. זיין בעט זיינען די האַרטע בענק פון "שטיבעל", און שלאָפען, שלאָפט ער אין זיינע קליידער.

(פארזעצונג אויף זייט 34)


אמעריקאנער אינגלעך ווערען ארויסגעשיקט פון דער ישיבה, ווייל זיי זיינען פרימער פון די פרימסטע

